בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת
וישב
כ"ג כסלו שנת תשפ"ב
לפ"ק
שנה 3, גליון 10
(62)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א: אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַז מֶען הָאט אוֹיפְגֶעטוּישְׁט דֶעם בֶּן מֶלֶךְ מִיטְ'ן בֶּן שִׁפְחָה. וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אִיז דֶער אֶמֶת'עֶר בֶּן שִׁפְחָה גֶעוָוארְן קֶענִיג אוּן עֶר הָאט פַארְטְרִיבְּן דֶעם אֶמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ. זַייעֶנְדִיג פַארְטְרִיבְּן אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף זַיין שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, "פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ מִיר מֶען זָאל מִיךְ פַארְטְרַייבְּן? בִּין אִיךְ דֶער בֶּן מֶלֶךְ - דַארְף אִיךְ זַיין אִין פַּאלַאץ, בִּין אִיךְ דֶער בֶּן שִׁפְחָה - קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל זַיין פַארְטְרִיבְּן!" צוּלִיבּ דֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרִינְקֶען א.א.וו.

## 'פַארְוָואס', 'פַארְוָואס', 'פַארְוָואס'...

הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דִי פַארְגַאנְגֶענֶע וָואכְן, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶערְשְׁטְן - דָאס מַאכְט עֶר זָאל טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס וַוארְפְט אִים אַרָאפּ פוּנֶעם דֶרֶךְ הַיָּשָׁר. אִיךְ זֶע דָאס בַּיי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אוּן אִיךְ הֶער דָאס פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, זֵיי זָאגְן: "פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ מִיר דָאס?" "פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ מִיר יֶענְץ?" בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן טְרִינְקֶען אוּן גֵיין צוּ שְׁמוּץ פְלֶעצֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אַלֶעס אִיז נָאר וַוייל עֶר אִיז פוּל מִיט 'פַארְוָואס', 'פַארְוָואס', 'פַארְוָואס', עֶר אִיז בְּרוֹגֶז אוּן פוּל מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶערְשְׁטְן.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן דֶער וָואס עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן (דְהַיְינוּ דֶער אֶמֶתֶער בֶּן מֶלֶךְ) אוּן עֶר הָאט גִיטָאן וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. אוּן עֶר הָאט אוּיס גִיבְרַאכְט זַיין גֶעלְט. אַמָאל אִיז עֶר אַלֵיין אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן.

## דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן

וִויבַּאלְד עֶר הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה אִיז עֶר אֵיינְמָאל אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן. עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, אַבִּיסְל אַרוֹיסְצוּגֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת.

אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגִילֵייגְט. אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף אִין זִין. וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן. וָואס הָאט עֶס גָאט מִיר גִיטָאן. בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר בְּוַודַאי נִיט דָאס. אוּן אַז אִיךְ בִּין נִיט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִיט דָאס דָאזִיגֶע אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין בּוֹרֵחַ אוּן אַ פַארְטְרִיבֶּענֶער. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אִין דֶער דֵיעָה. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ קָאן יוֹא אַזוֹינְס טָאן אַז מֶע זָאל פַארְבַּייטְן אַ בֶּן מֶלֶךְ. אוּן סֶע זָאל אוֹיף אִים אַזוֹינְס אִיבֶּער גֵיין קֶער אִיךְ זֶע מִיךְ יוֹא אַזוֹי צוּ פִירְן. אִיז זֶע רֶעכְט וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן. שְׁטֵייט עֶס מִיר אָן אַז אִיךְ זָאל מִיךְ אַזוֹי פִירְן. אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גִיטָאן. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן גְרוֹיס צַעַר צוּ הָאבְּן אוּן זֵייעֶר חֲרָטָה צוּ הָאבְּן אוֹיף דִי מַעֲשִׂים רָעִים וָואס עֶר הָאט גִיטָאן.

## עֶר אִיז אִין אַ רֶעדְל...

דָאס גֶעשֶׁעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, מֶען הֵייבְּט אָן חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן. וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט, אִיז עֶר אִין אַ רֶעדְל, עֶר קוּמְט אוּן גֵייט - אָן טְרַאכְטְן "פַארְוָואס קוּם אִיךְ?" "פַארְוָואס גֵיי אִיךְ?" עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט מְנוּחָה.

## גְרוּפֶּע פוּן פֶערְצִיג מֶענְטְשְׁן...

בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן קֶענְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט פַאר דִיר, וַוייל וֶוען דוּ הָאסְט אַ רֶגַע לֵיידִיג - נֶעמְסְטוּ דַיין טֶעלֶעפָאוֹן, אֶפְשָׁר הָאט אֵיינֶער עֶפֶּעס גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מִיר... אוּן אַז "אֵיינֶער עֶפֶּעס גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מִיר" - אִיז נָאךְ גוּט, אָבֶּער עֶר הָאט דָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִיר, דָאס הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִי גַאנְצֶע גְרוּפֶּע פוּן פֶערְצִיג מֶענְטְשְׁן... דָאס טֶעלֶעפָאוֹן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין 'יִשּׁוּב הַדַּעַת', דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט מֶער נִישְׁט אַרַיין וָואס עֶר טוּט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶערְפַאר טוּט עֶר שְׁלֶעכְטְס אוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

## גֵיין שְׁפַּאצִירְן אַלֵיינְס

אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זָאל עֶר כַאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר; עֶר זָאל גֵיין שְׁפַּאצִירְן אַלֵיינְס, ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: **"אַמָאל אִיז עֶר 'אַלֵיין' אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן"**, אַוֶועקְלֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן אוּן שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶערְשְׁטְן.

## קוּמְט זִיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ אַזוֹי פִירְן?!

אַז מֶען נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', מֶען גֵייט אַלֵיינְס שְׁפַּאצִירְן, הֵייבְּט מֶען אָן אַיינְזֶען, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל לַיידְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא סָארְט לֶעבְּן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע סָארְט עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא סָארְט מִשְׁפָּחָה, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא סָארְט וַוייבּ, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע סָארְט קִינְדֶער, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין קִינְדֶער, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין פַּרְנָסָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס וָואס זָאל נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר - קוּמְט זִיךְ אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אַזוֹי פִירְן?!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים דָארְט וִוי עֶר אִיז גִיוֶוען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער גִינוּמֶען צוּם טְרוּנְק.

## עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט

דָאס דַארְף מֶען ווִיסְן וֶוען מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת; עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע אִין אֵיין

מינוט, מען הייבט אָן חֲרָטָה הָאבְּן און מען לויפט צוריק צו די אַלְטֶע מַעֲשִׂים וואס מען האט גֶעטְאָן, מען האט נָאכְאַמָאל חֲרָטָה און מען לויפט נָאכְאַמָאל צוריק צו די אַלְטֶע מַעֲשִׂים, דֶערְפַאר הָאט ער זיך ווייטער גענומען צום טְרִינְק.

**נָאר מַחֲמַת ער האט שוין אָנְגֶעהויבְּן חֲרָטָה צו הָאבְּן פְּלֶעגְט אים מְבַלְבֵּל צו זַיין. די מַחֲשָׁבוֹת פון חֲרָטָה און תְּשׁוּבָה וואס סֶע אִיז אים גֶעקוּמֶען אויף אין זִין אַלֶע מָאל.**

## עֶס הֵייבְּט אָן בַּאדֶערְן

דער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אֲפִילוּ וֶוען ער האט זיך ווייטער גענומען צום טְרִינְק פְּלֶעגְט אַלְץ אַרֵיינְקוּמֶען אין אים מַחֲשָׁבוֹת פון חֲרָטָה; דאס אִיז מַמָּשׁ וואס דער רֶבִּי האט געזאגט: **"אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיי מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֲבֵירוֹת וועלן זיי שוין נִישְׁט טוּן בִּשְׁלֵמוּת"**. אַז מען מַאכְט 'הִתְבּוֹדְדוּת', מען טְרַאכְט אַרֵיין "וואס טוט אִיךְ דָא?" "וואס הָאבּ אִיךְ גֶעטְאן?" הֵייבְּט עס אָן בַּאדֶערְן, אַז נָאכְדֶעם וֶוען מען פַאלְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ טְרַאכְט מען ווייטער "וואס טוט אִיךְ דָא?" "וואס הָאבּ אִיךְ גֶעטְאן?" יֶעדֶעס מָאל וואס מען פַאלְט אַרָאפּ טוט עס שוין וויי.

## דוּ זָאגְסְט עֶס סְתָּם כְּדֵי זִיךְ צוּ פִּילְן גוּט...

אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: "יֶעדֶעס מָאל וואס אִיךְ ווִיל זַיין גוט פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, אִיךְ פַאל צוּרִיק אַרָאפּ אין מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן", אָדֶער קוּמְט דער יֵצֶר הָרָע צום מֶענְטְשׁ און בְּרֶענְגְט אים אַרֵיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת: "דוּ מֵיינְסְט עס נִישְׁט אֶמֶת'דִיג, דוּ זָאגְסְט סְתָּם 'אִיךְ גֵיי זַיין גוּט', כְּדֵי זִיךְ צו פִּילְן גוּט..." "דוּ קְרֶעכְצְט 'אִיךְ גֵיי זַיין גוּט', 'אִיךְ גֵיי זַיין גוּט', דֶערְנָאךְ טוּסְטוּ ווייטער וואס דוּ טוּסְט..." אויף דֶעם דַארְף דער מֶענְטְשׁ הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פון'ם יֵצֶר הָרָע, נָאר זַיין שְׁטַארְק מִיט זִיךְ, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה אויף וואס אִיךְ טוּ, יֶעדֶעס מָאל קְרֶעכְץ אִיךְ צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל עס בֶּאֱמֶת מֶער נִישְׁט טוּן; די עֲבֵירָה טוּ אִיךְ שוין נִישְׁט בִּשְׁלֵמוּת.

## 'אֵינְגְל מַלְאָךְ', 'טַאטֶע מַלְאָךְ'...

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז יֶעדֶעס מָאל וואס מען טוּט אַן עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, ווערט פון דֶעם בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ, אַ מְקַטְרֵג; ווען אַ אֵינְגְל טוּט אַן עֲבֵירָה - ווערט בַּאשַׁאפְן אַ שְׁלֶעכְטֶע 'אֵינְגְל מַלְאָךְ', ווען אַ טַאטֶע טוּט אַן עֲבֵירָה ווערט בַּאשַׁאפְן אַ שְׁלֶעכְטֶע 'טַאטֶע מַלְאָךְ', פון יֶעדֶע עֲבֵירָה ווערט בַּאשַׁאפְן אַ קוֹמָה שְׁלֵימָה, און אַז דער מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אין די עֲבֵירָה פון פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלַן - דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן - הָאט ער בַּאשַׁאפְן גַאנְצֶעטֶע מִשְׁפָּחוֹת פון מְקַטְרְגִים אויבְן אין הִימְל, נָאכְדֶעם גֵייעְן זֵיי אַרוֹיף צום בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה זָאגְן אַז מען דַארְף גֶעבְּן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁטְרָאף ווייל ער הָאט גֶעזִינְדִיגְט אין די עֲבֵירָה.

## אַ גֶעלֶעמְטֶער מֶענְטְשׁ אַלְס פְּרַאסִיקְיוּטֶער...

אָבֶּער אויב דער מֶענְטְשׁ נֶעמְט די עֵצָה פון רֶבִּי'ן, ער גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ צום אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וואס הָאבּ אִיךְ גֶעטְאן"**, וואס טוט ער? ער נֶעמְט דֶעם מַלְאָךְ און שְׁטֶעכְט אים אוֹיס אַן אוֹיג, אויב גֶעבְּט ער נָאךְ אַ קְרֶעכְץ צום אֵייבֶּערְשְׁטְן - שְׁטֶעכְט ער דֶעם מַלְאָךְ אין הַאנְט, אויב גֶעבְּט ער נָאךְ אַ קְרֶעכְץ צום אֵייבֶּערְשְׁטְן - נֶעמְט ער אים אַרָאפּ אַ פוּס, ווען ער קוּמְט אַרוֹיף אויבְן אין הִימְל און עס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע מַלְאָכִים וואס ער האט בַּאשַׁאפְן, קוּמְט אוֹיס דֶעם פֶעלְט אַ הֶענְט, דֶעם פֶעלְט אַ פוּס און דֶעם פֶעלְט אַן אוֹיעֶר... שְׁטֶעל זִיךְ פַאר מען נֶעמְט אַ גֶעלֶעמְטֶער מֶענְטְשׁ אַלְס פְּרַאסִיקְיוּטֶער...

## זֵיי קֶענֶען נָאר זָאגְן: "עֶה עֶה"...

מוֹהֲרַנַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל אַרָאפְּגֶעלֵייגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר ווִי אַזוֹי עס קוּקְט אוֹיס אויבְן אין הִימְל, עס קוּמֶען צו גֵיין מַלְאָכִים וואס קֶענֶען נִישְׁט רֶעדְן, זֵיי קֶענֶען נָאר זָאגְן: **"עֶה עֶה"**... מען הָאט אים שוין צוּגֶענוּמֶען זַיין מוֹיל, ווייל דער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעשְׁרִיגְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין גוּט".

## אוֹיסְשְׁטֶעכְן דֶעם מַלְאָךְ פון אַלֶע זַייטְן

אָבֶּער מען דַארְף הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת אויף הִתְבּוֹדְדוּת, ווייל דער יֵצֶר הָרָע ווִיל אֵיין זַאךְ, ער ווִיל נִישְׁט די עֲבֵירָה, ווייל ער ווייסְט אַז מען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר ער ווִיל אַז דער מֶענְטְשׁ זָאל נָאכְדֶעם ווערן צֶעבְּרָאכְן, ער זָאל מֶער נִישְׁט ווֶעלְן דַאווֶענֶען, ער זָאל מֶער נִישְׁט ווֶעלְן לֶערְנֶען, ער זָאל מֶער נִישְׁט ווֶעלְן עֶפֶּענֶען אַ גְּמָרָא, ער זָאל מֶער נִישְׁט ווֶעלְן עֶפֶּענֶען אַ מִשְׁנָיוֹת. דֶערְפַאר ווארְפְט ער אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל כְּדֵי דער מֶענְטְשׁ זָאל פַארְלִירְן זַיין גַאנְצֶע מוּט, ער זָאל מֶער גָארְנִישְׁט ווֶעלְן טוּן, [ווֶעגְן דֶעם זֶעלְבְּן סִיבָּה ווִיל ער אוֹיךְ נִישְׁט אַז דער מֶענְטְשׁ זָאל עֶנְדִיגְן אַ גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא - כְּדֵי ער זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵייליךְ]. דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ דער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן און ווייטער זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין גוּט"**, אַזוֹי ווֶעט ער אוֹיסְשְׁטֶעכְן דֶעם מַלְאָךְ פון אַלֶע זַייטְן.

## וְרַגְלֵינוּ קַלּוֹת כָּאַיָּלוֹת

מען זָאגְט בַּיי נִשְׁמַת: "**וְאִלּוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם**", און אֲפִילוּ אויב אוּנְזֶער מוֹיל וואלְט גֶעווען פוּל מִיט לִידֶער צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דער יָם. "**וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה כַּהֲמוֹן גַּלָּיו**", און אוּנְזֶער צוּנְג מִיט גֶעזַאנְג אַזוֹי ווִי זַיינֶע פִילֶע כְוַואלְיֶעס. "**וְשִׂפְתוֹתֵינוּ שֶׁבַח כְּמֶרְחֲבֵי רָקִיעַ**", און אוּנְזֶערֶע לִיפְּן וואלְטְן גֶעלוֹיבְּט צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי די בְּרֵייטְקֵייט פון הִימְל. "**וְעֵינֵינוּ מְאִירוֹת כַּשֶּׁמֶשׁ וְכַיָּרֵחַ**", און אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן וואלְטְן גֶעלַאכְטְן אַזוֹי ווִי די זוּן און די לְבָנָה. "**וְיָדֵינוּ פְרוּשׂוֹת כְּנִשְׁרֵי שָׁמָיִם**", און אוּנְזֶערֶע הֶענְט וואלְטְן גֶעווען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַזוֹי ווִי די אָדְלֶערְס פון הִימְל. "**וְרַגְלֵינוּ קַלּוֹת כָּאַיָּלוֹת**", און אוּנְזֶערֶע פִיס זָאלְן זַיין גְרִינְג אַזוֹי ווִי די אִינְדְן. "**אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת לְךָ ה'**", וואלְטְן מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶענוּג דַאנְקֶען צו דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; מען רֶעכְנְט אוֹיס אֲפִילוּ מִיר וואלְטְן גֶעהַאט די אַלֶע סָארְט זַאכְן וואלְטְן מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף מִיר קוּמֶען אים צו דַאנְקֶען.

## פִיס דַארְף מֶען הָאבְּן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת

דַארְף מען פַארְשְׁטֵיין; אַ מוֹיל, אַ צוּנְג, די לִיפְּן, אוֹיגְן און הֶענְט קֶען מען נָאךְ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס מען דַארְף עס הָאבְּן אויף צו לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פַארְוָואס דַארְף מען הָאבְּן פִיס צו לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַ שֵׁיין וָוארְט פון רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, ער האט גֶעזָאגְט: פִיס דַארְף מען הָאבְּן צו קֶענֶען גֵיין מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, דער מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר זָאגְט מען צום אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֲפִילוּ אִיךְ זָאל ווען הָאבְּן אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע פִיס וואס קֶענֶען גֵיין אַ גַאנְצְן טָאג שְׁפַּאצִירְן אין ווַאלְד, וואלְט אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף ווִיפִיל מִיר קוּמֶען אים".

## גֵיי אַרוֹיס פון דַיין אָפִּיס, כַאפּ אַ אָטֶעם

בִּכְלַל אִיז דאס גֵיין שְׁפַּאצִירְן זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ אין יֶעדְן הִינְזִיכְט, אַז דער מֶענְטְשׁ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פון זַיין קְטָנוּת. אַמָאל זִיצְט אַ מֶענְטְשׁ אין זַיין אָפִּיס, אין זַיין קַאר אָדֶער אין זַיין הויז, זָאל ער אַרוֹיסְגֵיין אין גַאס ווֶעט ער זֶען עס אִיז דָא אַ ווֶעלְט, דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַ הֶערְלִיכֶע ווֶעלְט. דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער האט גֶעזָאגְט פַאר נֹחַ (בְּרֵאשִׁית ח, טז): "צֵא מִן הַתֵּבָה וגו'", גֵיי אַרוֹיס פון דַיין תֵּיבָה, גֶענוּג גֶעווען מִיט דַיין קְטָנוּת, ווִילַאנְג ווֶעסְטוּ זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אין דַיין אָפִּיס?! אַ אִינְגֶערְמַאן זִיצְט אין אָפִּיס פון צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, ווֶען זַיין ווַייבּ רוּפְט - עֶנְטְפֶערְט ער: "אִיךְ קוּם שוין אַהֵיים", "אִיךְ קוּם שוין אַהֵיים", גֵיי אַרוֹיס פון דַיין אָפִּיס, כַאפּ אַ אָטֶעם, נָאכְדֶעם ווֶעסְטוּ בַּאשְׁלִיסְן אויב דוּ ווִילְסְט נָאכְאַלְץ זִיצְן אין אָפִּיס.

## שְׁפַּאצִירְן אויף די פְרִישֶׁע לוּפְט

אוֹיךְ אִיז דאס ווִיכְטִיג פַאר 'שְׁלוֹם בַּיִת', אַ פְרוֹי זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים אַ גַאנְצֶע ווָאךְ, זִי גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פון שְׁטוּב מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, זִי אִיז נָאר

פאַרנומען מיט נאָכלויפֿן די קינדער, דערפֿאַר איז זייער ווייכטיג, איינמאל א טאָג, ווען די קינדער שלאָפֿן שוין אַרויסצוגיין אַביסל שפּאַצירן אויף די פֿרישע לופֿט.

## דאָס הייסט נישט איבער לאָזן אַליינס

אֲפִילוּ מען לאָזט נישט איבער קינדער אַליינס אין שטוב אָן עלטערע, אָבער דאָס הייסט נישט איבער לאָזן אַליינס, מען גייט נישט אַוועק צו ווייט, עס איז אַזוי ווי מען מעג אַרויסגיין אין טעראַסע (פּאָרטש), און מען מעג אַראָפּטראָגן די מיסט אין גאַס, ווייל עס איז פאר א קורצע צייט, אַזוי אויך געשעעט גאָרנישט ווען מען גייט אַרויס פאר אַפּאָר מינוט פון שטוב צו שעפּן פֿרישע לופֿט. מען גייט אַרום די גאַס, און דאָס נעמט אַרויס דעם מענטש פון צמצום, דאָס נעמט אַרויס דעם מענטש פון זיין קטנות.

## אַלעס איז מיט גרויס חֲסָדִים

אַז מען זיצט איינגעשפּאַרט אינדערהיים הייבט אָן קומען 'וואָס וועט זיין?' 'וואָס וועט זיין?' 'פאַרוואָס האָבן מיר גאָרנישט?' אָבער אַז מען גייט אַרויס פון די קטנות קען מען זיך באַרואיגן, "בָּרוּךְ הַשֵּׁם מיר האָבן דאָס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מיר האָבן יענץ, ריכטיג אַז מען דאַרף פאַררעכטן די קאָוונטער וְכַדּוֹמֶה אָבער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלעס איז מיט גרויס חֲסָדִים".

## טייל מענטשן וואוינען ביים ריקן דאָקטער...

אַז מען דאַנקט דעם אייבערשטן מאַכט דאָס געזונט דעם מענטש. עס זענען דא מענטשן וואָס יעדעס ביינדל טוט אים וויי, טייל מענטשן וואוינען ביים ריקן דאָקטער, טייל מענטשן וואוינען ביים פיס דאָקטער... יעדן טאָג זענען זיי דאָרט, דא דריקט זיי, און דאָרט דריקט זיי... ער קען זיך נישט אויפשטעלן פון גרויס ווייטאָג אין ריקן, און דאָס איז טאַקע ריכטיג, עס טוט אים איבעראַל וויי, אָבער אַז דער מענטש הייבט אָן דאַנקען, ער ווערט א פריילּיכער מענטש, גייען אַוועק אַלע זיינע ווייטאָגן, אַלעס הערט אויף דריקן און וויי טון.

## אֶפְשַׁר איך האָב א בערגל אויף מיין הויט...

איך רעד מיט מענטשן, מענטשן זאָגן מיר: "יעדע נאַכט איידער איך גיי שלאָפֿן זוך איך אַרום אויף מיין קערפּער אויב איך האָב אֶפְשַׁר א בערגל, א געשוויר אויף מיין הויט, אֶפְשַׁר בין איך נישט געזונט..." דאַרף מען וויסן אַז שרעק איז ערגער ווי דאָס קרענק אַליין, שרעק איז די ערגסטע זאַך, עס הרג'עט דעם מענטש.

## דו הרג'עסט זיך אַליינס

קוק וואָס גייט פאָר מיט'ן עפּידעמיע 'קאָראָנע ווירוס'; ליידער הערט מען נאָך אַלץ אידישע קינדער שטאַרבן, דער אייבערשטער זאָל אָפּהיטן אַלע אידן, אָבער וואָס איז דער פּשט אַז יעצט הערט מען ווייניגער מענטשן שטאַרבן דערפון? נאָר גאָר אַסאַך מענטשן זענען געשטאָרבן נאָר פון דעם שרעק אַליינס; איך האָב געהערט פון אַן הַצָּלָה מאַן אַז אין אָנהייב ווען דער שרעק איז געווען זייער שטאַרק, פלעגן מענטשן וויינען אין אַמבולאַנס: "איך גיי שטאַרבן..." "איך גיי שטאַרבן..."; וואָס איז מיט דיר? דו הרג'עסט זיך אַליינס מיט דיין שרעק! ווידער די מענטשן וואָס זאָגן: "די גאַנצע זאַך גייט מיר נישט אָן, איך שלאָף עס דורך" - די מאַכן עס ענדערש דורך.

## פאַרוואָס זאָגסטו ליגנט?...

דער הייליגער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ברענגט א מַעֲשֶׂה פֶּלֶא וואָס האָט פּאַסירט (בֶּן יְהוֹיָדָע בָּבָא קַמָּא, דַּף ס מִדִּבְרֵי הַגְּמָרָא), אַמאָל איז געווען א שווערע עפּידעמיע, עס איז געווען א מַגֵּפָה, א מַחֲלָה מיט'ן נאָמען קולירע"ע. פאר די מַחֲלָה האָט זיך פאַרשפּרייט האָט איינער געטראָפן דעם מַלְאַךְ הַמַּשְׁחִית וואָס איז געווען געשטעלט אַריין צו ברענגען די קרענק, ער האָט געפרעגט דעם מַשְׁחִית וויפיל מענטשן ער גייט הרג'ענען דורך די קרענק קולירע"ע, האָט ער געזאָגט פינף טויזנט מענטשן, לְמַעֲשֶׂה זענען גע'הרג'עט געוואָרן פופצן טויזנט נְפָשׁוֹת דורך די מַחֲלָה קולירע"ע, שפּעטער האָט מען געפרעגט דעם מַשְׁחִית: "פאַרוואָס זאָגסטו ליגנט? האָסט דאָך געזאָגט אַז דו גייסט הרג'ענען מיט די קולירע"ע פינף טויזנט מענטשן, לְמַעֲשֶׂה האָסטו גע'הרג'ט פופצן טויזנט מענטשן?" האָט דער מַשְׁחִית געענטפערט: "איך האָב נאָר גע'הרג'ט מיט מיין שווערד קולירע"ע פינף טויזנט מענטשן, די איבעריגע צען טויזנט זענען געשטאָרבן פון שרעק און פּאַניק". זאָגט דער בֶּן אִישׁ חַי: "ווען עס הערשט א מַגֵּפָה זאָל מען אַנטלויפן פון הערן און זען, מען זאָל נישט ווערן דערשראָקן".

## פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צו מַצְלִיחַ זיין אין לעבן

די וואָס פאַלן אַריין אין שרעק און אין פּאַניק - איז דאָס זייער אייגענער פּראָבלעם, דאָס האָט נישט צוטון מיט'ן מַחֲלָה, דאָס אַליינס קען הרג'ענען דעם מענטש, אָבער אַז מען הייבט אָן דאַנקען דעם אייבערשטן: "יִישַׁר כֹּחַ אייבערשטער פאר מיין לעבן", "יִישַׁר כֹּחַ אייבערשטער אַז איך קען זען, איך קען קומען און גיין" - דאָס געבט מוט, דאָס געבט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צו מַצְלִיחַ זיין אין לעבן.

## דער אייבערשטער נעמט אויך קעיר פון מיר

דאָס איז מוֹרָא'דיג ווייכטיג צו טון מיט די ווייב, נעם איר אַביסל אַרויס שפּאַצירן, זאָל זי זען די הימל, די לְבָנָה, שטערנס, ביימער און פייגלעך. עס איז גוט צו גיין אַמאָל צום וואַסער, ווייל דער רֶבִּי זאָגט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה, אוֹת נט): "**מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִבְכּוֹת, הַסְּגֻלָּה שֶׁיֵּשֵׁב בְּמָקוֹם, שֶׁשּׁוֹפְכִים שָׁם שְׁנֵי נְהָרוֹת בְּיַחַד**", ווער עס קען נישט וויינען זאָל גיין צום וואַסער, דאָרט וועט זיך עפענען דאָס האַרץ; ווייל ווען א מענטש איז אין א קטנות, די ווייב איז ברוגז אויף איר מאַן און קינדער, זי איז שוין צעקריגט מיט די גאַנצע מִשְׁפָּחָה, זי וויינט און רעדט שוין נישט... 'דאָס איז נישט גוט' און 'יענץ איז נישט גוט'... אָבער אַז מען גייט צום וואַסער זעט מען עס איז דא א וועלט, קוק די שיינע גרויסע וואַסער און אַלע שיפן, דער אייבערשטער נעמט אויך קעיר פון מיר קליינער מענטש. דאָס איז מְרוּמָז אין די מַעֲשֶׂה, ווייבאַלד ער איז געגאַנגען אַביסל שפּאַצירן - האָט זיך אָנגעפאַנגען זיין יְשׁוּעָה.

אַמאָל האָט ער זיך צו געלייגט האָט זיך אים געחלומט. כַּאֲשֶׁר אין דעם און אין דעם אָרט איז יריד אין דעם און דעם טאָג. בְּכֵן זאָל ער אַהין גיין. און וואָס סע וועט זיך אים טרעפן צום ערשטן עפּעס א פאַרדינסט. זאָל ער עס תֵּיכֶף טאָן. כאָטשֶׁע סע וועט ניט זיין וועדליג זיין כָּבוֹד (אַזוֹי האָט זיך אים געחלומט).

## הייב אָן טון תַּכְלִית

דאָס איז די ערשטע זאַך ווען א מענטש וויל מַצְלִיחַ זיין, ער דאַרף גיין טון עפּעס פאר פּרנסה, דער בֶּן מֶלֶךְ איז נעבעך געגאַנגען אויף שמוציגע פלעצער וואו מען טאַנצט און מען טוט עֲבֵירוֹת וְכוּ' רַחֲמָנָא לִצְלָן, האָט ער זיך גע'חָלוֹמ'ט "אויב דו ווילסט רַחֲמָנוּת האָבן אויף דיר, דאַן גיי צום יריד און הייב אָן טון תַּכְלִית, קוק נישט צי דאָס פּאַסט דיר יאָ אָדער דאָס פּאַסט דיר נישט".

## כַּמָּה בִּטְלָנֵי אִיכָּא בְּשׁוּקָא

דאָס איז א לימוד אויף פּרנסה, כַּמָּה בִּטְלָנֵי אִיכָּא בְּשׁוּקָא, עס דרייען זיך אַרום ליידיג-גייערס, ער רעדט זיך איין ער גייט מַצְלִיחַ זיין אין עמעצן, דערווייל טוט ער גאָרנישט, וואָס דרייסטו זיך אַרום ליידיג? גיי טו עפּעס מיט דיין צייט, גיי אַרבעט אין מַצָּה בעקעריי וְכַדּוֹמֶה, האָב א רַחֲמָנוּת אויף דיר, טו עפּעס פאר פּרנסה, 'כאָטשֶׁע סע וועט ניט זיין וועדליג זיין כָּבוֹד', אֲפִילוּ עס פּאַסט דיר נישט דעם פּרנסה, וואָס וואַרטסטו ביז מען וועט דיר אָנטראָגן א גרויסע דזשאַב? אַז מען האָט דיר אָנגעטראָגן א דזשאַב נעם עס אָן.

## א ווערטל

די זעלבע זאַך איז מיט א שידוך, עס זענען דא מענטשן וואָס זאָגן אָפּ יעדע שידוך: "דאָס פּאַסט נישט פאר אונז" - פאַרוואָס פּאַסט דאָס

נִישְׁט? אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן נֶעכְטְן בַּיי דִי סְעוּדָה דֶערְצֵיילְט אַ װֶערְטְל, [מֶען הָאט זֵייעֶר גֶעלַאכְט; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ װִיכְטִיגֶע זַאךְ, מֶען זָאל מַאכְן דִי סְעוּדָה אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זוּכְן אַװֶעק צוּ לוֹיפְן יֶעדֶע מִינוּט פוּן טִישׁ], אַז מֶען הָאט אַמָאל אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, װָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען הֶעכֶער דִי פֶּערְצִיג יָאר, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיר מַאמֶע, זָאל אִיךְ נֶעמֶען אִיר טָאכְטֶער...?"

און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף גִעכַאפְּט. און דֶער חָלוֹם אִיז אִים אַרַיין זֵייעֶר אִין דֶער מַחְשָׁבָה אַרַיין. װָארִן אַמָאל אִיז פַארְהַאנְדְן אַז דִי זַאךְ גֵייט תֵּיכֶּף אַרוֹיס פוּן דֶער מַחְשָׁבָה. נָאר דֶער חָלוֹם אִיז אִים זֵייעֶר אַרַיין אִין דֶער מַחְשָׁבָה. לוּשְׁמִיר פוּן דֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט. אִיז בַּיי אִים שְׁוֶוער גִיוֶוען אַז עֶר זָאל דָאס טוּן. און עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען װַייטֶער צוּם טְרוּנְק. און דֶער חָלוֹם הָאט זִיךְ אִים װַייטֶער גִיחָלִימְט כַּמָּה פְּעָמִים און דֶער חָלוֹם הָאט אִים זֵייעֶר מְבַלְבֵּל גִיוֶוען.

אַמָאל הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט אִין חָלוֹם. אַז דוּ װִילְסְט אוֹיף דִיר רַחְמָנוּת הָאבִּין זָאלְסְטוּ אַזוֹי טָאן (דְהַיְינוּ עֶר זָאל גֵיין אוֹיף דֶעם יְרִיד וְכוּ' כַּנַּ"ל) הָאט עֶר שׁוֹין גִימוּזְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם חָלוֹם. און עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. און הָאט אַװֶעק גִיגִיבְּן דָאס אִיבֶּרִיקֶע גֶעלְט װָאס עֶר הָאט נָאךְ גִיהַאט הָאט עֶר עֶס אַװֶעק גִיגִיבְּן אוֹיף דֶער אַרְבִּירִיק װִי עֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען און דִי גוּטֶע קְלֵיידֶער װָאס עֶר הָאט גִיהַאט. הָאט עֶר אוֹיךְ גִילָאזְט אוֹיף דֶער סְטַאנְצְיָא. און עֶר הָאט זִיךְ גִינוּמֶען אַ פְּרָאסְטֶע מַלְבּוּשׁ װִי סוֹחֲרִים דְהַיְינוּ אֵיין אַ פִּינְטְשֶׁע און אִיז גִיפָארִין אוֹיף דֶעם יְרִיד. און אִיז אַהִין גִיקוּמֶען.

און עֶר אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען גַאנְץ פְּרִיא און אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יְרִיד.

דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר װִיכְטִיג צוּ װִיסְן, אוֹיבּ מֶען װִיל מַצְלִיחַ זַיין, אוֹיבּ מֶען װִיל אַייְנְקוֹיפְן בַּיים יְרִיד, דַארְף מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין גַאנְץ פְּרִי, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְמִיטְן טָאג און עֶרְוַוארְטְן מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין.

הָאט אִים בַּאגֶעגִינְט אַ סוֹחֵר און הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. װִילְסְטוּ עֶפֶּעס פַארְדִינֶען הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט יוֹא. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט אִיךְ בַּאדַארְף דָא צוּ טְרַייבִּין בְּהֵמוֹת. װֶועסְטוּ זִיךְ פַארְדִינֶען בַּיי מִיר. און עֶר הָאט נִיט צַייט גִיהַאט זִיךְ מְיַישֵּׁב צוּ זַיין מֵחֲמַת דֶעם חָלוֹם הַנַּ"ל (װָארִן דֶער חָלוֹם אִיז זִיךְ גִיוֶוען אַז דָאס עֶרְשְׁטֶע פַארְדִינְסְט מוּז עֶר אָנֶעמֶען וְכוּ' כַּנַּ"ל) הָאט עֶר תֵּיכֶּף גִיעֶנְפֶּערְט. יוֹא. און דֶער סוֹחֵר הָאט אִים תֵּיכֶּף גִידוּנְגֶען. און הָאט תֵּיכֶּף אָנְגִיהוֹיבִּין אוֹיף אִים צוּ שַׁאפִין אַזוֹי װִי אֵיין הַאר אוֹיף זַיינֶע מְשָׁרְתִים.

און עֶר הָאט זִיךְ אָנְגִיהוֹיבְּן אַרוּם צוּ קוּקִין װָאס עֶר הָאט דָא גִיטָאן. װָארִין צוּ אִים קוּמְט בְּוַודַּאי נִיט אַזוֹי אֵיין דִינְסְט. װָארִין עֶר אִיז זִיךְ אֵיין אֵיידְלֶער מֶענְטְשׁ. און הַיינְט װֶועט עֶר מוּזִין טְרַייבִּין בְּהֵמוֹת. און עֶר װֶועט מוּזִין גֵיין צוּפוּס בַּיי דִי בְּהֵמוֹת. נָאר מֶע קָאן שׁוֹין קֵיין חֲרָטָה נִיט הָאבִּין.

עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם אַז אֵיינֶער זָאל שַׁאפְן אוֹיף אִים, עֶר הָאט דָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט עֶנְדִיגְן אִין אֵיין מָאל, אָבֶּער צוּם סוֹף דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ װֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, צוּם סוֹף אִיז עֶר גֶעוָוארְן מֶלֶךְ, און הָאט גֶעקֶענִיגְט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע װֶועלְט.

## אִיז דָאס שׁוֹין אַ תֵּירוּץ אִיךְ זָאל טוּן װָאס אִיךְ װִיל?

לָאמִיר פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אִינְדֶערְפְרִי װֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אַבִּיסְל מְיַשֵּׁב זַיין, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְן אַ צָרָה אִיז דָאס שׁוֹין אַ תֵּירוּץ אִיךְ זָאל טוּן װָאס אִיךְ װִיל? אִיךְ װִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; װֶוען װֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְפִירְן װִי עֶס דַארְף צוּ זַיין? װֶוען װֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד? װֶוען װֶועל אִיךְ שׁוֹין שֵׁיין רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן? װֶוען װֶועל אִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל אַרַיינְלֵייגְן צַייט און כֹּחַ אִין מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן צוּקוּנְפְט, אִיךְ אַרְבֶּעט בִּיז שְׁפֶּעט כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענֶען אַװֶועקְלֵייגְן גֶעלְט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער..."**

## גֶעבּ אַבִּיסְל לֶעבְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר אִיז גוּט צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, װַייל עֶר אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען אַװֶועקְלֵייגְן גֶעלְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז, דַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט דַיין גֶעלְט, זֵיי װֶועלְן זִיךְ שׁוֹין אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְן, דַיינֶע קִינְדֶער װִילְן דוּ זָאלְסְט אַהֵיימְקוּמֶען רֶעדְן מִיט זֵיי; מַאךְ אַ שַׁבָּתְ'דִיגֶע סְעוּדָה מִיט זֵיי, לַאךְ מִיט זֵיי, פַארְבְּרֶענְג מִיט זֵיי, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי, הֶער זֵיי אוֹיס, גֶעבּ אַבִּיסְל לֶעבְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

## אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין מֹחַ...

אִיךְ זִיץ מִיט בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט, אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אָנְזֶען אוֹיף זֵיי, אִינְדְרוֹיסְן זֶעט עֶס אוֹיס װִי אַ שֵׁיינֶער אִינְגֶערְמַאן, אַ שֵׁיינֶער בָּחוּר, אָבֶּער עֶר זָאגְט מִיר: **"הֶעלְף מִיךְ רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין מֹחַ, מֶען הָאט מִיךְ גֶעפַּיינִיגְט, מֶען הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אָטֶעמֶען, מֶען הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶעבְן"**, דָאס קֶענְסְטוּ נִישְׁט גְלֵייבְּן, װַייל מֶען זֶעט עֶס נִישְׁט אָן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אָבֶּער מֶען הָאט אִים צֶעקְלַאפְּט, מֶען הָאט אִים װֵיי גֶעטוּן, פַארְשֶׁעמְט און גֶעטְשֶׁעפֶּעט.

## אִיךְ בִּין שְׁטְרֶענְג צוּ מַיינֶע קִינְדֶער

דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, קוּם צוּ מִיר אִינְדֶערְהֵיים װֶועסְטוּ זֶען װִי שְׁטְרֶענְג אִיךְ בִּין צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער װֵיי טוּן, טְשֶׁעפֶּען, אַװֶועקְמַאכְן, פַאר דִי אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסֶע - דָאס טָאר מֶען נִישְׁט.

## אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל

הֶער אוֹיס דַיין קִינְד, גֶעבּ אִים אַ גוּט װָארְט; װָאס װֶועט גֶעשֶׁען אַז דוּ װֶועסְט אִים זָאגְן: "הָאסְט אַזוֹי גוּט גֶעקֶענְט!"? קוּק דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה װָאס דִי קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר, װָאוּ זֵיי שְׁרַייבְּן: "אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין רֶבִּי זָאל מִיר גֶעבְן אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מַיין רֶבִּי הָאט עֶס גֶעטוּן!" קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קֵיין טֵייעֶרֶע זַאכְן, קֵיין רִימָאוּט קָאנְטְרָאוֹלְ'ס וְכַדּוֹמֶה, קִינְדֶער קֶענֶען לֶערְנֶען אַ גַאנְצֶע װָאךְ פְלַייסִיג אַז דֶער רֶבִּי זָאל זֵיי גֶעבְן אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל, דָאס אִיז לֶעבְן פַאר אַ קִינְד, דָאס אִיז אַ שְׁלִינְג פַארְ'ן קִינְד, דָאס קִינְד שְׁפִּירְט: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ אַ װַארֶעמֶע טַאטֶע", "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ אַ װַארֶעמֶע מְלַמֵּד".

## װָאס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן תַּאֲוֹות?

און דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ װַייבּ, אַ פְרוֹי װִיל אַ װַארֶעמֶע מַאן, אַ מַאן װָאס זָאל אִיר אוֹיסְהֶערְן. מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִינְדֶערְהֵיים, מֶען קֶען זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְדֶערְהֵיים, מִיט דִי װַייבּ, מִיט דִי קִינְדֶער; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גַשְׁמִיּוֹת און רוּחָנִיּוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין תַּאֲוֹות, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "װָאס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן תַּאֲוֹות? עֶסְן דַארְף מֶען - מֶען זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁלָאפְן דַארְף מֶען - מֶען זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף מֶען - צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן תַּאֲוֹות", אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען שְׁפַּאצִירְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גַשְׁמִיּוֹת און קֵיין תַּאֲוֹות.

דָאס דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דָא אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט װָאוּ עֶר לִיגְט, אִין פְלֶעצֶער װָאס מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אִין דִי אַלֶע זַאכְן װָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, [אִין לָשׁוֹן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אִיז נִישְׁט דָא קֵיין "וְכוּ'" דֶער רֶבִּי הָאט אַלֶעס אַרוֹיס גֶעזָאגְט, אָבֶּער אִיךְ בִּשְׁעַתְ'ן פָארְלֶערְנֶען לָאז אִיךְ אוֹיס דִי אַלֶע לְשׁוֹנוֹת, אִיךְ קֶען דָאס אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן], אָבֶּער אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הִתְבּוֹדְדוּת, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן װֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ"**.